**מיין פערזענליכע איבערצייגונג:**

**פיין װעלי - די בעסטע ריהעב אויפן װעג אַהיים פון שפּיטאָל**

פאַר עטליכע װאָכן צוריק איז אונז אויסגעקומען צו שמועסן מיט אַ יונגערמאַן װעלכער האָט זיך צוריקגעקערט פון אַ באַזוך אינעם פּיין װעלי רעהעביליטאַציע צענטער ביי זיין באַבע װעלכע איז דאָרט זיך צו ערהוילן פון אַן אָפּעראַציע. מיט אונזער שרייבערישן חוש – װאָס דערשמעקט װאו מיר האָבן גוטע שאַנסן צו טרעפן אַ גוטע טעמע אָנצופילן זייטלעך און צו שטילן אונזער ליינער'ס דורשט – האָבן מיר דערשמעקט אַז אַ באַזוך אַהין װאָלט זיך אויסגעצאָלט, און עס װאָלט אונז געגעבן שטאָף פאַר אַן אינטערעסאַנטן אַרטיקל אָדער צװיי.

פאַר אַ טויש – אַנדערש װי געװענליך װען איר ליינט געװענליך פון אַ כלי שני װאָס אַ שרייבער האָט געהערט, געזען אָדער געליינט ערגעץ - װעלן מיר דאָ מיטטיילן פאַרן ליינער אונזער פּערזענליכע ערפאַרונג װאָס מיר האָבן געהאַט דעם חודש, װאָס שפּיגלט אָפּ דעם גאַנג פון אַ הערליכן אידישן צענטער װאו אידן ערהוילן זיך, רעהאַביליטירן זיך און קומען צוריק צו די כוחות.

מיר באַציען זיך צו די געװאַלדיגע מעלות פונעם פּיין װעלי צענטער פאַר רעהעביליטאַציע און נוירסינג, װאָס מיר האָבן זיך פערזענליך איבערצייגט אויף די אייגענע הויט, נישט װייל מיר זענען דאָרט געװען אַלס אַ רעהעביליטאַציע פּאַציענט, נאָר װי אַזוי מיר זענען דאָרט באַהאַנדעלט געװאָרן אַלס אַ שרייבער.

כדי צו פאַרשטיין װאָס מיר האָבן דאָרט געשפּירט אַזוי אויסערגעװענליך, מוזן מיר אייך אַביסל מיטטיילן מיט װאָס אונזער פאַך איז פאַרבינדן, װי שװער עס איז צוזאַמענצוקראַצן אינפאָרמאַציע װאָס זאָל זיין װערט די פּאַפּיר אויף װאָס עס איז געדרוקט (זינט "דער בליק" איז געדרוקט אויף אַ טייערן פּאַפּיר, איז דאָ דער סטאַנדאַרט פון װערטפולע אינפאָרמאַציע העכער װי געװענליך), און װי אַזוי פּיין װעלי האָט אונז פאַרלייכטערט די אַרבעט.

מיר האָבן זיך נאָכגעפרעגט ווער דער אייגנטומער און פירער זענען, און מיר האָבן אַראַנזשירט אַ טאָג און אַן אַפּוינטמעט ווען אַראָפּצוקומען מיט אונזער קלאַפּער-געצייג אַרויס צו באַקומען אינפאָרמאַציע און צוזאַמענשטעלן אַן אַרטיקל.

געוועגליך איז דאָס דער שווערסטער טייל פון די אַרבעט. ערשטנס דאַרפן מיר זיך טרעפן מיט אַ באַקוועמען, פאַרנומענעם עקזעקוטיוו, וועלכער איז נישט אין די גיסטע צו רעדן מיט אַן איינפאַכן שרייבער, אַזוי אַרום איז אפילו די האַלבע שעה וואָס מיר באַקומען צופיל, ווען יענער ענטפערט טרוקן אָפּ אונזערע פאָרגעגרייטע שאלות, און איז נישט צו אָפען-האַרציג מיט מער אינפאָרמאַציע איבער זיין ביזנעס, אָרגאַניזאַציע אָדער מוסד. אויך מיט די אַרבעטער קומט מען געוועגליך נישט לייכטער אָן. זיי ענטפערן אונזערע פראַגעס, און עס פאַלט זיי זעלטן ביי – אָדער פּרובירן זיי בכלל נישט צו טראַכטן - וואָס נאָך זיי קענען צולייגן צו באַרייכערן אונזער זשורנאַליסטישע ווערק.

פאַרשטענדליך, אַז בעפאָר מיר לאָזן זיך אַרויס אויספרעגן דעם פירער אָדער איינגעשטעלטע פון אַ גרויסע קערפערשאַפט, זענען מיר אָפט אומרואיג און מיר ווייסן נישט ווי אַזוי צו עפענען די אינפאָרמאַציע קוואַל. (עס איז צום האָפן אַז די באַטרעפנדע ליינען דעם פאָרוואָרט, און קומענדיגעס מאָל וועלן זיי זיין אָפענער און ברייט-האַרציגער מיט פרטים איבער'ן הלוך ילך פון זייער קרעמל).

אָט דעם זעלבן געפיל האָבן מיר געהאַט במשך דעם איין שעה'יגן וועג קיין מאָנסי צו, ביזן אָנקומען אין די גרויסע פּאַרקינג לאַט פון פּיין וועלי וואָס שטייט ממש צופוסנס פון שיכון סקווירא. ווען מיר האָבן געעפנט דעם טיר צום גרויסן רעהעביליטאַציע צענטער – וואָס איז גאָר שיין איבערגעבויט געוואָרן – זענען מיר ענטפאַנגען געוואָרן דורך אַ נעסט פון פייגלעך אין אַ גלאָז, וואָס האָבן אַביסל באַרואיגט מיינע שפרונגנדע נערוון, אָבער אונזער אומרואיגער געוויסן איז געגצליך פאַרשווינדן ביים טיר צום אייגנטומער'ס אָפיס, ר' אפרים שטייף הי"ו.

מיר שפּירן אַז אונזער באַגעגעניש מיט ר' אפרים איז ווערט אַ באַשרייבונג פאַר זיך. עס שפּיגלט שטאַרק אָפּ ווי אַזוי דער גאַנצער צענטער ווערט געפירט, די באַנעמונגען פון די מענעדזשמענט צו

די אַרבעטער, און פון די איינגעשטעלטע צו די פּאַציענטן, וואָס דאָס ברענגט אַז אַלעס אַרבעט אינאיינעם, און יעדער ווענדט אַלעס אָן צו צושטעלן די בעסטע באַדינונגען פאַר די פּאַציענטן.

אַריינקומענדיג אין אָפּיס פון ר' אפרים זענען מיר (איך בין אַהין געפאָרן מיט נאָך צוויי באַגלייטער) מכובד געוואָרן צו זיצן, ווי געוועגליך, און מיר האָבן געכאַפּט אַ באַ'טעמ'טען שמועס מיט ר' אפרים און זיין אַדמיניסטראַטאָר, אלי - אָדער ווי מען רופט אים דאָרט "מייק" - טראָפּער. די שמועס האָט זיך פאַרצויגן איבער פאַרשידענס – ווי וועגן ר' אפרים'ס זיידע הרה"ג ר' יונתן שטייף זצ"ל. אלי, אַ ליטווישער יונגערמאַן, האָט אונז אויך מיטגעטיילט זיינע ערניאירונגען פון אַ תקופה וואָס ער האָט געלערנט אין אַ חסידי'שן בית חינוך – און עס האָט זיך אַרויסגעשטעלט אַז דאָ וועלן מיר האָבן אַ לייכט פעלד.

מיר האָבן זיך געשפּירט זייער באַקוועם מיט ר' אפרים און אלי'ן, מיר האָבן זיי ווירקליך געקענט פרעגן וואָס מיר האָבן געוואָלט, און זיי האָבן אונזער גערן געעפנט אַן אינפאָרמאַציע קוואַל וואָס וועט אונז צושטעלן סחורה נישט אויף איין אַרטיקל, נאָר אויף אַ סעריע פון באַשרייבונגען.

אינמיטן אונזער לאַנגן שמועס זענען אויך אַריינגעקומען אייגעשטעלטע אין די האָום, וועלכע האָבן זיך צוגעשטעלט צו די געשפּרעכן, און מיר האָבן זיך פערזענליך איבערצייגט די גוטע באַציאונגען צווישן זיי און די פירערשאַפט, וואָס ברענגט אַ גאָר הויכן מאָראַל און מוט צווישן די אַרבעטער, זיי קענען פאַרלאַנגן פון די מענדזשמענט אַלעס וואָס עס איז אין די פּאַציענטן'ס אינטערעסן, און אין די ענדע בענעפיטירן דערפון די פּאַציענטן וועלכע בענעפיטירן פון העפליכע פריינטליכע באַדינונגען, אין אַן אַנגענעמע אַטמאָספערע. דאָס איז אויסער וואָס די פּאַציענטן און זייערע פאַמיליע מיטגלידער שמועסן אויך מיט ר' אפרים' און אלי'ן, וועלכע הערן אויס און קומען נאָך מיט ערנסטקייט זייערע פאַרלאַנגען און באַגערן.

אָט די אָבזערוואַציע איז באַשטעטיגט געוואָרן שפּעטער, ווען מיר זענען אַריבערגעגאַנגען רעדן צו די פירער פון די פאַרשידענע אָפּטיילונגען, נוירסינג, אַקטיוויטעטן, סאָשעל סערוויסעס, דער הויפּט דאָקטאָר, טעראַפּיסטן, דער קעכער און קיך דירעקטאָר. פון אַלע האָבן מיר געהערט

כמעט דעם זעלבן אויסדרוק: "אפרים'ס טיר איז שטענדיג אָפען. מיר קענען אים אָפען זאָגן וואָס מיר ווילן. ווען מיר פאַרלאַנגען עפּעס פאַר די פּאַציענטן וועט ער קיינמאָל נישט זאָגן ניין, אָפּגעזען וויפיל עס קאָסט. ביי אים זענען פּאַציענטן'ס אינטערעסן בעפאָר די ביזנעס צילן."

*

אין פיין וועלי זענען דאָ עטליכע אָפּטיילונגען פאַר באַזונדערע קאַטעגאָריעס פון פּאַציענטן. אַלע פליגלען ווערן באַדינט פון אַן אויסערגעווענליכע געטרייע שטאַב מיט אַ זעלטענע געטריישאַפט. מען שטעלט זיי צו אַקטיוויטעטן, געאייגנט פאַר יעדע גרופּע באַזונדער, מיט וואָס זיי נוצן אויס און געניסן פונעם טאָג.

איין גרויסע פליגל איז ספּעציעל באַשטימט פאַר פּאַציענטן וואָס זענען דאָרט בלויז אויף אַ קורצע צייט, פון עטליכע וואָכן ביז עטליכע חדשים, זיך צו ערהוילן און רעהאַביליטירן פון אַן אָפּעראַציע אָדער נאָך אַ קרענק חלילה. דאָס שליסט איין מענטשן וועלכע האָבן זיך אַרויסגעדרייט פון אַ קאַר עקסידענט, סטראָוק אָדער האַרץ אַטאַקע ח"ו, ביז אַזעלכע וועלכע זענען דורך אַ פריער געפּלאַנטע פּראָצעדור, ווי צו ערזעצן אַ היפּ אָדער קני א.ד.ג.

די באַטרעפנדע זענען אָנגעוויזן אויף ערהוילונג און טעראַפּי זיך צוריק צושטעלן אויף די אייגענע פיס און צוריק צו קומען צו די כוחות און פיזישע מעגליכקייטן צו בלייבן זעלבסשטענדיג און חלילה נישט צו זיין אָנגעוויזן אין קיין הילף פון אַנדערע. די געטרייע פיין וועלי טעראַפּי גרופּע איז אויסגעצייכנט צו צושטעלן די צוגעפּאַסטע טעראַפּיס, מיט וואַרימקייט און געטריישאַפט, וואָס מוטיגט די פּאַציענטן מיטצואַרבעטן און צו שטייגן, ביז זיי ווערן צוריק זעלבסטשטענדיג און קענען זיך זעלבסט באַדינען.

די טעראַפּיס ווערט צוגעפּאַסט צו יעדן'ס מצב. מאַנכע לערנט מען זיך צו האַלטן דעם באַלאַנץ, גיין אויף די פיס, אַרויפגיין טרעפּ, זיך באָדן, אָנטאָן, בעת אַנדערע דאַרפן נאָר הילף צו קענען אָנגיין מיט די היים ווירטשאַפט, אָדער ווייטער קענען גיין אין די אַרבעט. די טעראַפּי אָפּטיילונג

איז העכסט ערפאַרן און געלערנט ווי אַזוי צו לערנען די באַטרעפנדע דורכפירן די פאַרשידענע אויפגאַבעס, און אויב עס פעלט אויס לערנט מען זיי אויס קונצן און מען לערנט זיי אויס צו נוצן ספעציעלע געצייגן וואָס זיי קענען נוצן נישט צו דאַרפן זיין אָנגעוויזן אויף אַנדערע, און צו בלייבן פולקאָם אַקטיוו.

די צוזאַמענאַרבעט וואָס הערשט אין דעם צענטער איז צום שטוינען, און עס ברענגט די בעסטע רעזולטאַטן פאַר די פאַציענטן. עס העלפט זיי זיך בעסער און שנעלער ערהוילן, און די וואָס זענען דאָרט בלויז אויף אַ קורצע רעהאַביליטאַציע זאָלן קענען וואָס פריער אַהיימגיין, שטיין אויף די אייגענע פיס, און פירן אַ זעלבסטשטענדיגע ווירטשאַפט.

"דאָ איז אַ קליינע געמיינדע, אַלעס אַרבעט אינאיינעם לטובת די פאַציענטן. מיר שפירן זיך פאַרבינדן און באַהאָפטן מיט די פאַציענטן. קיינער וועט דיר נישט זאָגן דאָס איז נישט מיין אויפגאַבע," דערציילט אונז די פירערין פון די פיזיקעל טעראַפי אָפטיילונג, צולייגנדיג אַ לענגערע ערקלערונג ווי ווייט די צוזאַמענאַרבעט פון די גאַנצע שטאַב איז קריטיש וויכטיג פאַר די פולקאָמע און גיכע ערהוילונג פון די פאַציענטן.

אָפט איז די רעדע פון פאַרשידענע טעראַפיס, צו וואָס די מענטשן וועלכע זענען נאָרוואָס דורך אַ שווערע אָפעראַציע אָדער שווערע קרענק, האָבן נישט קיין כח. דאָ פעלט שטאַרק אויס די מוט און גוטע גיסטע וואָס די טעראַפיסטן געבן אַריין צו די פאַציענטן מיט זייערע העפליכע באַנעמונגען, פריינטליכן צוגאַנג און געדולדיגע ערקלערונגען ווי אַזוי די טעראַפיס וועלן זיי העלפן זיך צוריקקערן צו די פולקאָמע פיזישע כוחות. אַזוי אַרום געווינען זיי זייער קאָאָפעראַציע, וואָס קומט ווען זיי זענען אָפטימיסטיש און אַנערקענען אַז עס לוינט זיך די אָנשטרענגונגען ווייל מיט די הילף פון די רעהעביליטאַציע וואַרט זיי אַ שיינענדע צוקונפט אין וואָס זיי וועלן צוריק זיין מענטשן אויף די אייגענע פיס און מיט די אייגענע כוחות, אָן זיין אָנגעוויזן און הילף און באַדינונגען פון אַנדערע מענטשן.

נאָך אַ וויכטיגע ראָלע אין הייבן דעם גייסט פון די פּאַציענטן שפּילט די העפליכע סערוויסעס, די געשמאַקע כשר'ע עסנס – וואָס ענטהאַלט עטליכע מעניוס טעגליך צו יעדן'ס געשמאַק, און ווער עס דאַרף אייגנאַרטיגע עסן שטרענגט מען זיך אָן עס צו צושטעלן, די לעבעדיגע אַקטיוויטעטן, און די העפליכע באַדינונגען און באַנעמונגען, פון וואָס די פּאַציענטן געניסן. דאָס אַלעס ברענגט אַז זיי זאָלן זיך גוט שפּורן, און עס דערקענט זיך שטאַרק אויף זייער קאָאָפּעראַציע מיט די טעראַפּי, און זייער גיכע ערהוילונג.

די געטרייע סערוויסעס איז אַסאַך צו פאַרדאַנקן די מענדעדזשמענט'ס גרייטקייט נאָכצוגעבן די באַגער פון אַלע פּאַציענטן. די נוירסעס זענען שטענדיג גרייט צו באַדינען די פּאַציענטן. עס איז דאָ אַ גרויסע צאָל נוירסעס פער פּאַציענט און "נאָך איין קלינג זענען זיי זאָפאָרט דאָרט," זאָגט אונז די הויפּט נוירס. זי וויצעלט זיך אפילו אַז נאָך איידער מען עספּיעט צו קלינגען איז די נוירס שוין דאָרט. אויב דאָס איז נאָכנישט גענוג, האָט דער צענטער זייער אַ געטרייע סאָשעל סערוויסעס אָפּטיילונג, און די דירעקטאָר פון די סאָשעל סערוויסעס מאַכט זיכער אַז יעדער געפינט זיך און האָט אַלעס וואָס מען דאַרף.

"ווען אַ היפּ רעפּלעיסמענט פּאַציענט נויטיגט זיך אין אַ ספּעציעלע בעט, אָפּגעזען די הויכע קאָסטן דערפון, וועט עס אפרים צושטעלן," זאָגט די הויפּט נוירס, בעת דער הויפּט דאָקטאָר שאַרמאַ, וועלכער איז פון די איינציגסטע אין די גאַנצע געגנט וועלכער האָט ספּעציעל שטודירט דאָקטאָריי פאַר עלטערע מענטשן, שאָקעלט צו מיטן קאָפּ.

אויסער די אומדירעקטע הילף וואָס די טעראַפּיסטן געניסן פון די איבריגע אָפּטיילונגען, דורך אַריינברענגען אַ גוטן גייסט און הויכן מאָראַל צווישן די פּאַציענטן – דערציילן זיי אַז די אַנדערע אָפּטיילונגען זענען אויך דירעקט בייהילפיג צו דערגרייכן די הצלחה פון די טעראַפּיס.

אַלס ביישפּיל ווייזט די אָקופּעישאָנעל טעראַפּיסט אָן אויף פּאַציענטן וואָס מען לערנט גיין. נאָך די טעראַפּי סעסיע איז זייער וויכטיג דער פּאַציענט זאָל פּראַקטיצירן וואָס מען האָט שוין געלערנט,

כדי דעם קומענדיגן טאָג זאָל מען קענען אָנהייבן ווייטער, אַנשטאָט נאָכאַמאָל איבערצוגיין די טעראַפּי פון נעכטן. דאָ קומען צו הילף די נוירסעס.

קומענדיג פון אַנדערע פלעצער און זייענדיג באַקאַנט מיט ווי אַזוי עס אַרבעט ערגעץ אַנדערש, זאָגט אונז די טעראַפּי גרופּע אַז אין אַסאַך פלעצער ווערן די נוירסעס נישט מיטאַרבעטן מיט די טעראַפּיסט, אָבער דאָ – ווי פריער דערמאַנט - איז אַלעס "איין קליינע משפחה."

אין דעם דערמאַנטן פאַל, ווען מען לערנט איינעם גיין אויף די פיס און די טעראַפּיסטן האַלטן אַז עס איז וויכטיג אַז דער באַטרעפנדער זאָל פּראַקטיצירן צו גיין כדי נישט צוריקצופאַלן ביז די קומענדיגע סעסיע, ווערן זיי געבן אָנווייזונגען פאַר די נוירסעס אַז מ'זאָל זען דער פּאַציענט זאָלן גיין אַ ספּעציפישע צאָל טריט במשך'ן טאָג. ווען יענער וועט שפּעטער ווערן אַראָפּגיין פון בעט, ווערן די נוירסעס דערמאַנען, מוטיגן און העלפן דעם פּאַציענט גיין אויף די אייגענע פיס. אַזוי אַרום פאַרזיכערט מען אַ שנעלע אוןווירקזאַמע ערהוילונג.

דאָקטאָר שאַרמאַ, וועמען'ס אייגענע מוטער האָט געוויילט אין דעם צענטער, באַריכטעט אונז טאַקע אַז עס איז זייער אָפט וואָס פּאַציענטן פאַרלאָזן דעם צענטער פולקאָם ערהוילט אין פול אַ קורצערע צייט פון וואָס דער דאָקטאָר האָט אָריגינעל רעקאָמענדירט. ער דערציילט אַז זיין מוטער – וועלכע האָט דאָרט געוויילט נאָך אַ מעדיצינישע פּראָצעדור, האָט פאַרלאָזט דעם צענטער נאָך 6-7 וואָכן רעהעביליטאַציע, אַנשטאָט וואָס איר דאָקטאָר האָט אָריגינעל געהאַט פאָרגעשריבן צען וואָכן טעראַפּי.

**אַ שרייבער אין אַ קעכער היטל**

ווי ווייט די אינטערעסן פון די פּאַציענטן דיקטירן אין פיין ווערן, האָבן מיר זיך פערזענליך איבערצייגט ביים ווערן אַריינשפּאַצירן אין די גרויסע ציכטיגע, פליישיגע קיך אונטן אין קעלער. מיר זענען געגאַנגען אינאיינעם מיטן וועג-ווייזער ר' אפרים, אָבער בעפאָר'ן אַריינגיין אין קיך

שטעלט ער זיך אָפּ, ער שטעקט אַריין די הענט און נעמט אַרויס פיר קעכער היטלעך און פיר מאַסקעס צו צודעקן דעם מויל און אונטערשטן טייל פונעם פּנים. איין סעט טוט ער זיך אָן, און מיט די איבריגע איז ער מכבד דעם שרייבער פון די שורות און די אַנדערע צוויי אין די גרופּע.

"אַז איך גיי אַריין אָן דעם, וואַרפט ער מיך אַרויס," צייגט אונז אָן דער בעל הבית אַליין אויף זיין דירעקטאָר פונעם קיך, ריטשי קאַסטנער, וועלכער איז געפּערליך שטרענג ווען עס קומט צו די היגענישקייט פון די קיך, און ער וואָרנט יעדן צו אַרבעטן מיט הענטשוך. "אינפעקציע קאָנטראָל איז ביי מיר נומער 1," דערקלערט אונז ריטשי, ערקלערנדיג אַז אינעם צענטער זענען דאָ קראַנקע מענטשן וועלכע זענען זייער האַקעל צו אינפעקציעס, און ער איז פּאַרפליכטעט זיי צו באַשיצן פון מעגליכע אָנשטעקונגען.

שפּעטער האָט ר' אפרים אונז פּאַרטיילט אַז אין אָנהייב ווען ער איז אַריינגעקומען אינעם צענטער איז ער אַמאָל אַריין אָן די שמנה בגדים אין קיך. ער האָט דאַן באַקומען אַ שאַרפן מעסעדזש פון ריטשי'ן – דורך דעם אַדמיניסטראַטאָר – אַז נאָך איין מאָל ער קומט אַזוי אַריין אין קאָך "וואַרפט ער מיך אַרויס." און ער לייגט צו "איך פּאָלג אים."

אָט דער עפּיזאָד, ווי אַזוי די אַרבעטער שפּירן זיך באַקוועם און זיכער איינצוטיילן דעם בעל הבית וואָס צו טאָן ווען עס האַנדעלט זיך פון די אינטערעסן פון די פּאַציענטן, האָט אונז געזאָגט אַסאַך ווי הויך די אינטערעסן פון די פּאַציענטן שטייען אין פּיין וועלי – אפילו העכער פונעם אייגנטומער.

עס איז נאָך געבליבן אַ געוואַלד צו שרייבן, אָבער צוליב אונזער באַגרעניצונג אין צייט וועלן מיר איבערלאָזן דאָס איבריגע אויף די קומענדיגע געלעגנהייט.